# מאכט אן
# אומשעדליכן ברית
# פאר אייער זון



**ווייסט די ריזיקעס פון מציצה בפה**

אייער קינדס ברית איז א וויכטיקער מאמענט אין זיין לעבן. דעריבער זאל מען נעמען שריט אז דער ברית זאל זיין ווי אומשעדליך ווי נאר מעגליך.

**לייענט ווייטער.**



**די דאזיגע גרויסע געזונט ארגאניזאציעס רעקאמענדירן נישט מציצה בפה:**

- אמעריקאנער פעדיאטרישע אקאדעמיע (American Academy of Pediatrics)
- אמעריקאנער געזעלשאפט פאר אנשטעקיגע קרענק (Infectious Diseases Society of America)
- ארץ ישראל'דיגע אמבולעטארי פעדיאטריק אסאסיאציע (Israel Ambulatory Pediatric Association)
- פעדיאטרישע אנשטעקיגע קרענק סאסייעטי (Pediatric Infectious Diseases Society)

NYC Health

Yiddish

# מציצה בפה:
## דא זענען די ריזיקעס

ווען א קינד ווערט גע'מל'עט, מאכן טייל מוהלים מציצה בפה. מציצה בפה איז ווען דער מוהל ניצט דאס מויל ארויסצוזייגן דאס בלוט פונעם קינד'ס וואונד ביים שניט, אלס חלק פונעם ברית.

**כאטש מציצה בפה איז א מנהג ביי אסאך אידן, דארף מען וויסן אז ס'איז דא א מעגליכקייט אז דאס קינד וועט קראנק ווערן מיט הערפיס וואס קען אפילו אים לייגן אין סכנת נפשות ר"ל.**

דאָקטוירים און קהלשע מבינים פון געזונט דערוויסן זיך אז מציצה בפה איז בכוח צו שטעלן עופעלעך אין סכנה צו קריגן א שעדליכן ווירוס וואס הייסט **הרפיס סימפלעקס ווירוס טיפ 1 אדער HSV-1.**

פילע ערוואקסענע טראגן HSV-1 אינעם קערפער. אפטמאל האבן זיי נישט קיין סימפטאמען, אדער בלויז מילדע סימפטאמען ווי צב"ש בליסטערס אויפ'ן מויל. אנדערש ווי ערוואקסענע, זענען בעיביס צו יונג צו באקעמפען דעם ווירוס. אויב אייער קינד קריגט חלילה דעם ווירוס, קען דאס אים חלילה שעדיגן דעם מוח, עס קען זיך ביי אים אנטוויקלען א לעבנסלאנגע דיסעביליטי אדער אין אייניגע פעלער, קען ער חלילה שטארבן.

מעדיצינען קענען העלפן באהאנדלען די סימפטאמען, אבער אייער זון וועט האבן דעם ווירוס זיין גאנץ לעבן.

א קינד קען קריגן דעם ווירוס ווען דעם מוהל'ס שפייעכץ פאלט אויף דעם קינד'ס הויט און שניט וואונד. **אויב א מוהל מאכט א מציצה בפה, בלויז אויף א רגע, קען מען נישט פארמיידן די סכנה פון א הערפיס אינפעקציע.**

**כדי צו באשיצן די געזונט פון ניו יארק סיטיס בעיביס, האט די געזונט קאמיסיאנערין באפוילן אז מוהלים וואס זיינען אידענטיפיצירט געווארן אז זיי האבן אנגעשטעקט אן עופעלע מיט HSV-1 דורך מציצה בפה, טארן נישט מאכן מציצה בפה בשעת א ברית.**

**אפילו אויב דער מוהל האט נישט קיין בלאטערן נעבן דעם מויל, קען ער נאך אלץ האבן דעם ווירוס און נישט וויסן דערפון.** טייל מוהלים שווענקען זיך אויס דאס מויל אדער נעמען מעדיצינען איידער זיי מאכן מציצה בפה. אויב דער מוהל האט דעם ווירוס, וועלן די דאזיגע שריט נישט מאכן מציצה בפה אומשעדליך פאר אייער קינד.



**ביישפיל פון הויט בלאטערן צוליב הערפיס סימפלעקס ווירוס טייפ 1 אינפעקציע. א דאנק צו דאקטאר פֿיליפ ס. לארוסא**
**Philip S. Larussa, M.D.**

## רעקאמענדאציעס

**דער דעפּאַרטאַמענט פאַר געזונט פון דער שטאָט ניו יאָרק רעקרמענדירט נישט אפ צו ריכטן קיין מציצה בפה.**

**איידער איר דינגט דעם מוהל פאר'ן ברית, פרעגט צו ער מאכט מציצה בפה.** אייניגע עלטערן זאגן אז ווען זיי וואלטן געוואוסט אז דער מוהל האט פלאנירט צו מאכן מציצה בפה, וואלטן זיי אים געבעטן ער זאל עס נישט טאן.

**אויב איר ווילט נישט מציצה בפה, זאגט אן פאר'ן מוהל.** טאמער איר זאגט דעם מוהל איר ווילט נישט אז ער זאל מאכן מציצה בפה, מוז ער רעספעקטירן אייער באגער.

**אויב איר באשליסט צו האבן מציצה בפה במשך פון אייער זונס ברית, נעמט די פאלגנדע שריט:**

## פאר'ן ברית

**רעדט מיט'ן קינד'ס דאקטער וועגן מציצה בפה.**

- **איידער איר דינגט א מוהל פאר'ן ברית, פרעגט אויב ער:**
  - **איז חלילה אנגעשטעקט מיט הערפיס**
  - **האט באקומען א באפעל פון די געזונט קאמיסיאנערין נישט צו מאכן מציצה בפה**
- **אויב דער מוהל ענטפערט "יא" אויף כאטש איינע פון די פראגעס, אדער אויב ער האט פון לאנג נישט געמאכט קיין טעסט פאר הערפיס זוכט אן אנדערער מוהל.**

## נאכ'ן ברית

- **אויב א מוהל האט יא געמאכט מציצה בפה ביים ברית: באקוקט דאס קינד'ס הויט פאר קליינע פוקלעך אדער בלאטערלעך, איבערהויפט דעם וואונד אויף אדער ארום עס. אויב איר זעט אט די אדער אנדערע צייכענס אז אייער זון איז קראנק, אדער אויב ער פירט זיך נישט ווי ערווארטעט, רופט גלייך א דאקטער.**

**פאר מער אינפארמאציע,**
**רעדט מיט'ן קינד'ס דאקטער אדער רופט 311.**